Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Dos karge baḥur'l miṭ nokh fiyer naye folḳs lieder

Linetzky, Isaac Joel

Ṿarsha, 662 = 1902

עֶדאָמ סִיד

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12853

Visual Library

6

וואס קומט שוין ארויס דער מוטער ׃
וואס מאכט דאס גאר אויס ׃
אז דאס קינד הייסט שוין נאכין פאטער
איז דער ווייטיג נאך גרויס ׳
אז מען פערזעהט אין דער ערד איין זאמען
ווערט דאס חאטש מיט זיין זאנג געהעלט ,
אונ אז איך ריעף דאס קינד אך ׳ מיט זיין נאמען
זעה איך ערשט ארויס וואס מיר פעהלט ׳ . . .

7

וויא איין אלטער בוים נאך מיט 1 בלאט
וואס ער שטעהט בייא דעם טאך
ער שפיעגעלט זיך דיא יוגענד וואס ער האט געהאט
אין דעם וואסער גלייך
צו דעם בוים בין איך היינט געגלעכען
מיין האפנונג איז פערלאהרען פין גאט ׳
צו מיין שמערץ איז געבליבען א צייכען
דאס איז מיין קינד דער לעצטער בלאט ׳ . . .

# דיא מארע

1

קומט אהער צו מענשען אין דערוועקט א קלאג !
אויף היינטיגער וועלט איז געביך אזא פראג !

היינט אין קלאגט מיט א גרויס געוואלד,
גרויס און קליין, אויך יונג און אלט,
איטלעכס אויג וואס איז אין טרערן רייך
כיט מיר, מיט מיר קוקט וויינען אללע גלייך!...

!דאס קאהר נאך יעדען קופליטס.

אוי, א רוח אין דער מאדע א לייד
וואס זיא האט אויף דער וועלט א גאנץ פאַרעפריים!

2

ווייל שוין דער מענש האט זיך אמאהל געלעבט
ביז אין גריב נאך קיין געלט געשטרייבט *)
דער פעלדמאן האט פערזעהט זיין פעלד
סערער און גערטנער איז געוועהן דיא וועלט
און זינט דיא מאדע איז צו אונז געקומען
האט זיא אלעס גאנץ מיט זיך צוגענומען!..

3

דעם ארענדארס א טאכטער אז זיא האט באדארפט א מאן
איז דרייסיג גולדען געוועזען גרויס גרן
און א שמאלץ-גריב איז געוועהן דערצוא
אז ער האט אידר גיגעבען דיא לענדערשע קוה...
זייא האבען פערזוכט א לעבען אויף דער וועלט
מארען געענד איז טהייערער פין געלד!..

*) געשטרבט בם ה' יכם לאר זיין טאך א זאך,

4

דער יונגערמאנן האט באלד נעאקערט מיטען אקם
אין מיט איהרע הענד פלעגט זיא שפינען פלאק'ם
ברויט האט ער מיטען שוויים געזוכט
און זיא האט איהם געקליידעט אין געשיכט ,
ביז אין טויט מיט דער יונגער קראפט
אין פיר דיא קינדער אויך געוונד פערשאפט !...

5

היינט א יתומה אז זיא דארף א שידוך טרעף
אין דער חתן איז א-נ-ארימאנס א זוהן,
דיא ערשטע נדיזנע נעכט ציא זיין פערמעג
עס בלייבט איהם ניט איבער א דרייער אויפען וועג
היינט אין דער היים הייבט אז דער קאפף דארען
וואס דיא מויד דערזעהט הייבט זיא אן נארען !...

6

אין אז ער הייבט איהר אן צוא מאכען דאס אובער קלייד
אזוי באלד הייבט זיך אן דערפון א רייד.
אז ציא כוז זיך נאך שלעפין צוויי ארשין
עס פאסט אזוי אקייגען דער וועלט צו טהון
אן דעם געהט זיא ניט אונטער דער חופה
דאס האט נאר געמאכט דיא מארע, דיא קלופה !

7

אין אז דאס מאנטעל איז שוין גאר פארטיג
איז דאס נאך ניט גענעהט גרויסארטיג...

עפּיס איז ניט גוט געפּרעסט דער עטעפּ
עפּיס שטעקן איהר ניט גלייך די קנעפּ
דערווייל ניט פאַריז אַרויס אַ-נ-אַנדער קווייט
טראָגט מען שוין דאָס מאַנטעל איפּען טאַנדייט!..

8

דאָס שיינע מיידעל בעקומט גרויס דאָמאָרע
וואָס זיא קען ניט ציהען אַלם נאָך דער מאָרע.
איהרע רויטע בעקליך ווערין בלאַסס
אין דיא שוואַרצע אויגען פון טרערין נאַס
אוי לאַנג קאָכט זיך אין איהר דאָס בלוט
אין יונגערהייט ווערט זיא אין גריב פערשיט!..

9

אוי ווי איז נעביך היינט דעם מאַנספּאַרזאָן
אַז מע מוז אין אַזא וועלט שטעלען פון זיך אַ טאָן —
אין שטיב איז כמעט נישטאָ קיין ברויט
אין קליידען מוז מען בא דער גרעסטער נויט
אין הערצען איז איהם נעביך ווינד און וויי
אין קאַסטיאַמען מוזען זיין אַלירלייא!..

10

אויך דער מאַגן וואָס איז שטענדיג בעגליקט
איז ער אויך איהר אונטער דריקט
איהר אייפּער 1) איז בא יעדען ציא טייער
טיעף אין הערצע ברענט זיא וויא פייער

---

1) אייפּער היסט מקנא זיין יענעם,

פין גרויסע מאווערין ברעכט זיא איהם ארויס
אין זיא לאזט איהם שטעהען נאקיט אין בלויז!...

## 11

אז מעהאט אמאהל געטראגען שיך אין פאנטאפיל
האט מיין געגעסן ... הילצערנע לעפעל,
אויפין טיש ... א ערדענע שיסעל,
מיט אפעטער יאך אין ניט קיין ביסעל,
היינט טראגט מען שטיוועליך מיט זאקאלישקים,
אין מיט זילבער עסט מען אלישקעס!...

## 12

מיט לייווינטינע הויזין גאר פאר ווייניג געלט
האט אמאהל א יוד פארבראכט דיא גאנצע וועלט,
היינט בעצירהט מען הויזין פין אויסלענדער פאבריק
אין זייא ווערין צעריסען טאקע אין אויגען בליק,
אין וואס דיא קעשינים בלייבע גאנץ, איז ניט קיין קינץ—
ווארען דארטען ליגט ניט קיין גראשען מינץ!...

## 13

אז אונזערע עלטערן האבען דערפין ניט געוויסט—
א נארעבאלרי, א שלאפע, אין א בראשעק אויף דיא בריסט
האבען זייא א-נ-אמת גיט פארבראכט דיא צייט;
א געזונטען געפינט מען צווישען דיא אלטע לייט,
היינט פליהען מענשעליך אזוי וויא פליגען אין גאס
מיט א הוט א זאנטיק און אין מויל א פאפיראס!...

14

פֿאַר אַנייער מאָדע איז מען דערוועקם אין קראם
וואַרפֿט מען שוין אַוועק דעם אַלטען קאָסטיום
און געלד וועט דער קרעסער אויך ניט פֿערזאַגען
דערנאָך ברענגט ער דעם ביך ציטראָגען...
נאָך דיא אַלטע שמאַטעס זוכט מען אים דיא וועלט
און פֿאַר יעדען צאַהלט מען טאָפּעל געלד!...

15

נאָך דער מאָדע געהט דעם מענשענס לעבען גאַר
דאָס אַלטע בייט מען אויף דעם נייעם יאָהר,
פֿאַרן שפּעטער גיט מען אָפּ דעם איצט
אַזוי ווערט דאָס לעבען אָפּ גענוצט...
מען גיט אָפּ דעם היינט פֿאַר דעם מאָרגען
און הער ווייזט ציא כשרנען וועט מען שוין באָרגען!...

16

דיא האָפֿנונג איז דיא מאָדע אין לעבען
זיא שטעלט פֿאַר נייעס, און מע זאָל איהר אַלס גלייבען,
מע גיט איהר אָפּ דיא מזומנע מינוט
טאָמער וועט מע שוין מיט איהר זיין קויט
ביז דער טויט פֿאַרפֿאַרעט און יענע העלם
פֿאַר יעדער רגע צאַהלט מען מיט פּראָצענט!...